**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/11/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 21 מיליאן דאלארדיגע ביליגע האוזינג דעוועלאפמענט אין מאנראו קאונטי

***Hubbard Springs Apartments* ברענגט 72 ענערגיע-שפארזאמע און ביליגע היימער פאר איינצלנע מענטשן און פאמיליעס אין טשילי טאון, אריינרעכענענדיג 11 היימער פאר מענטשן מיט פיזישע דיסאביליטיס**

***דעוועלאפמענט אפפערט הויכע-קוואליטעט, ענווייראמענט-פריינטליכע אפארטמענטס אין א גוטע סקול דיסטריקט***

***אינוועסטירונג באגלייט די "פינגער לעיקס פאראויס" – די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט דער פארענדיגונג פון א 21 מיליאן דאלארדיגע ביליגע האוזינג דעוועלאפמענט אין טשילי טאון, מאנראו קאונטי. Hubbard Springs Apartments ברענגט 72 ענערגיע-שפארזאמע היימער, אריינרעכענענדיג 11 אפארטמענטס אוועקגעלייגט פאר מענטשן מיט פיזישע דיסאביליטיס אדער וועלכע ערהוילן זיך פון א טראומאטישע קאפ קלאפ. די דעוועלאפמענט אפפערט פאמיליע היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אין א ווירבלנדע קאמיוניטי אין די גוטע טשוירטשוויל-טשילי צענטראל סקול דיסטריקט.

"האוזינג איז א מענטשליכע רעכט, און אין ניו יארק נעמען מיר אנטשלאסענע שריט צו זיכער מאכן אז יעדער האט א זיכערע פלאץ צו רופן היים פאר א צוגענגליכע פרייז", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער אינוועסטירונג דא אין טשילי טוט נישט נאר פארברייטערן צוטריט צו האוזינג, נאר עס העלפט אונז בויען מער פארשידנארטיגע און צוגענגליכע קאמיוניטיס וואו יעדער קען בליהען. מיר וועלן פארזעצן זיך צו אפגעבן מיט די האוזינג קריזיס מיט אזעלכע פראיעקטן וואו Hubbard Springs וועלכע העלפן זיכער מאכן הויכע-קוואליטעט האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן, פארבעסערן די לעבנס פון איינוואוינער און פארשטערקערן געגנטער."

Hubbard Springs Apartments איז טייל פון גאווערנער האקול'ס ברייטע פלענער צו מאכן האוזינג מער ביליג, יושר'דיג און סטאביל. די גאווערנער האט אריינגעלייגט און ערפאלגרייך פארזיכערט אין די לעצטנס דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט א נייע 25 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע, ברייטע האוזינג פלאן וואס וועט פארמערן די האוזינג סופליי דורכן בויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

Hubbard Springs Apartments באשטייט פון איין צוויי-שטאקיגע געביידע מיט 24 אפּאַרטמענטס און זעקס צוויי-שטאקיגע געביידעס, יעדע איינס מיט אכט אפּאַרטמענטס. אלע ניי-געבויטע געביידעס שטייען אויף Union Square Boulevard אין טשילי טאון און זענען פארבינדן איינער צום אנדערן דורך קראסוואלקס און סיידוואלקס.

טשילי טאון און די געגנט פון נארט טשילי ווערן פאררעכנט אלץ געגנטער מיט גרעסערע געלעגנהייטן צוליב זייער צוטריט צו א גוטע סקול דיסטריקט און נידעריגע ארימקייט ראטעס. די דעוועלאפּמענט געפונט זיך באקוועמערהייט א האלבע מייל פון די צענטער פון די נארט טשילי געגנט מיט פארמאסיס, א פאסט אפיס, גראסערי געשעפט, גאז סטאנציע און אנדערע געשעפטן, און די טאון'ס Hubbard Park איז א פערטל מייל ווייט.

ענערגיע-שפּארזאמע חלקים רעכענען אריין מעבל און LED באלייכטונג וועלכע קומען נאך Energy Star סטאנדארטן, פענסטערס, אינסוּלעישען, לופט סילינג און נאך מאסנאמען צו פארבעסערן די לופט קוואליטעט אינעווייניג, מאקסימיזירנדיג די באקוועמליכקייט פאר איינוואוינער און רעדוצירנדיג די אלגעמיינע ענערגיע באנוץ און קאסטן.

עס זענען דא 11 אפּארטמענטס וועלכע זענען אוועקגעלייגט פאר מענטשן מיט פיזישע דיסאביליטיס אדער טראומאטישע קאפ קלאפּ וועלכע האבן צוטריט צו אויפן-ארטיגע סערוויסעס צוגעשטעלט דורך די .Center for Disability Rights, Inc. נאך 11 אפּארטמענטס זענען געבויט צו זיין צוגענגליך פאר מענטשן מיט שוועריגקייטן זיך צו באוועגן, הערן אדער זעהן.

די איבעריגע היימער זענען פאר הויזגעזינדער מיט איינקונפט 70 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט (Area Median Income). עס זענען דא 24 איין שלאף צימערדיגע אפּארטמענטס, 24 צוויי שלאף צימערדיגע אפּארטמענטס און 24 דריי שלאף צימערדיגע אפּארטמענטס.

איינריכטונגען פאר די איינוואוינער רעכענען אריין א 24/7 פלאץ צו וואשן וועש און דזשים, א קאמיוניטי צימער מיט א קליינע קיך, א קאמפּיוטער צימער און אפיס פלאץ פאר די שטיצנדע סערוויס פּראָווײַדער. דרויסנדיגע איינריכטונגען רעכענען אריין א פלעיגראאונד ארומגענומען מיט א צוים.

די דעוועלאפּמענט מאנשאפט רעכנט אריין .Rochester's Cornerstone Group, Ltd, און Bishop .Sheen Ecumenical Housing Foundation, Inc

סטעיט פינאנצירונג פאר Hubbard Springs Apartments רעכנט אריין פעדעראלע נידריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וועלכע האבן אויפגעטריבן 10.9 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 6.4 מיליאן דאלאר אין סאבסידי פון די ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל ( Homes and Community Renewal). די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority) האט זיך פארפליכטעט צו געבן $63,000 אין שטיצע. אין צוגאב שטעלט די קאמיוניטי אפּהיטונג קערפּערשאפט ( Community Preservation Corporation) צו א 2.8 מיליאן דאלארדיגע פערמאנענטע הלוואה געצאלט דורך זייער שותפות מיט די .New York State Common Retirement Fund

**היימער און קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער רוט-ען וויסנאָסקעס האט געזאגט,** " Hubbard Springs Apartments גיבן א געלעגנהייט פאר נידעריגע און מיטעלע איינקונפט מענטשן און פאמיליעס זיך צו קענען ערלויבן צו וואוינען אין א עקאנאמיש-בליהענדע און רעסארסן רייכע קאמיוניטי. מיט 72 ענערגיע-שפּארזאמע אפּארטמענטס און אויסגעצייכנטע איינריכטונגען, וועלן די איינוואוינער פון Hubbard

Springs בענעפיטירן פון א שטארקע סקול דיסטריקט, דערנעבנדע פארוויילונג פלעצער און גרינגע צוטריט צו געשעפטן און אנדערע סערוויסעס. אין צוגאב וועלן עלף מענטשן מיט פיזישע דיסאביליטיס האבן די שטיצע וואס זיי דארפן צו קענען לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט אין א באקוועמע פלאץ. אין צוזאמענארבעט מיט ראטשעסטער'ס Cornerstone Group און Sheen Housing, מאכן מיר טשילי א ווארעמערע, מער מעגליך זיך צו ערלויבן און אפילו א בעסערע פלאץ צו וואוינען."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO דאָרין מ. העריס האט געזאגט,** "Hubbard Springs Apartments וועט צושטעלן פאר שוואכערע פאמיליעס אין מאנראו קאונטי מיט מער צוטריט צו האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן וואס רעכנט אריין קריטישע שטיצע סערוויסעס און די איינגעשפארטע ענערגיע קאסטן און באקוועמליכקייט וואס קומט פונעם וואוינען אין א גאר ענערגיע-שפארזאמע היים. די סטעיט איז איבערגעגעבן צו רעדוצירן שעדליכע עמיסיעס בשעת'ן זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער בענעפיטירן אויף א גלייכן אופן פון די אריבערגאנג צו א ריינע ענערגיע עקאנאמיע."

**סטעיט קאמפטראלער טאמאס פ. דינעפאלי האט געזאגט,** "די Hubbard Springs דעוועלאפמענט איז א ווארעם-אויפגענומענע צוגאב צו די ראטשעסטער קאמיוניטי, ברענגענדיג גאר נויטיגע ביליגע און שטיצנדע האוזינג פאר ניו יארקער מיט דיסאביליטיס. איך בין דאנקבאר אז אונזערע סטעיט פענסיע קאסע קען אינוועסטירן אין אזעלכע פראיעקטן וועלכע גאראנטירן א זיכערע רווח פאר אירע מיטגלידער אבער בענעפיטירן אויך ניו יארק'ס קאמיוניטיס. איך קוק ארויס צו אונזער אנגייענדע צוזאמענארבעט מיט די קאמיוניטי אפהיטונג קערפערשאפט און מיט גאווערנער האקול'ס אדמיניסטראציע אינעם בויען נייע און ביליגע האוזינג פאר ניו יארקער."

**סטעיט סענאטאר עדווארד רעט, דער דריטער, האט געזאגט,** "צושטעלן הויכע-קוואליטעט האוזינג אפציעס פאר יעדן, אין אונזער קאמיוניטי, איז קריטיש. איך בין פרייליך צו זעהן די דעוועלאפמענטס פארקומענדיג אין טשילי."

**אסעמבלי מיטגליד הערי בראנסאן האט געזאגט,** "האוזינג איז א פונדאמענטאלע מענטשליכע רעכט, און מיר מוזן אלע טוהן אלעס וואס מיר קענען צו פארזיכערן זיכערע און סטאבילי האוזינג פאר אונזערע פאמיליעס. האוזינג איז העלט קעיר, האוזינג איז עקאנאמישע גלעלעגנהייט. Hubbard Springs וועט גיבן פאר אונזערע פאמיליעס אלע פון די זאכן און מער — אריינרעכענענדיג 11 אפארטמענטס וועלכע זענען אוועקגעלייגט פאר מענטשן מיט פיזישע דיסאביליטיס אדער וועלכע ערהוילן זיך פון א טראומאטישע קאפ קלאפ. איך בין שטאלץ צו זעהן די דעוועלאפמענט אין טשילי טאון. א דאנק אייך, Rochester's Cornerstone Group, Ltd. און Bishop Sheen Ecumenical Housing Foundation Inc., פארן פירן דעם וויכטיגן פראיעקט פאראויס."

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו עדעם בעלאָו האט געזאגט,** "צוטריט צו א זיכערע, הויכע-קוואליטעט פלאץ צו רופן היים פאר א צוגענגליכע פרייז איז א יסוד פון סטאביליטעט און קוואליטעט פון לעבן פאר איינצלנע מענטשן און פאמיליעס. פראיעקטן ווי Hubbard Springs העלפן מאכן אונזערע קאמיוניטיס שטערקער. איך באדאנק גאווערנער האקול און ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל פארן ערמעגליכען דעם פראיעקט, און Rochester's Cornerstone Group און Bishop Sheen Ecumenical Housing Foundation פארן אינוועסטירן דא אין מאנראו קאונטי."

**טשילי טאון סופערווייזאר דעיוויד דאַנינג האט געזאגט,** "הויכע קוואליטעט האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן איז א הויפט עלעמענט פון א שטארקע קאמיוניטי. האבן א זיכערע פלאץ פאר א צוגענגליכע פרייז צו רופן היים איז א פונדאמענטאלע רעכט פאר יעדן. מיר נעמען ווארעם אויף די וועלכע וועלן בקרוב רופן טשילי זייער היים."

**מארטגעדזש אפיסער פון די קאמיוניטי אפהיטונג קערפערשאפט מיריעם זינטער האט געזאגט**, "עס איז געוואלדיג צו זעהן די טראנספארמאציע פון די פלאץ און צו וויסן אז די האוזינג וואס מיר פייערן היינט וועט זיין אן אנקער פאר די קאמיוניטי פאר פילע צוקונפטיגע יארן. די 72 ביליגע אפארטמענטס וועלן גיבן פאר איינוואוינער, אריינרעכענענדיג פאר די וועלכע ערהוילן זיך פון טראומאטישע קאפ קלאפ, די סטאביליטעט און געלעגנהייט צו בויען א בעסערע צוקונפט פאר זיך. מיר זענען אויך שטאלץ צו האבן געהאלפן פינאנצירן א פראפערטי פאר צוגענגליכע פרייזן און ענערגיע שפארזאם, ברענגענדיג געזונטע און ענווייערמענט-פריינטליכע היימער צו די טשילי קאמיוניטי. מיינע דאנקען גייען ארויס צו Rochester's Cornerstone Group, Bishop Sheen Ecumenical Housing Foundation, די צענטער פאר דיסאביליטי רעכטן און קאמפטראלער דינאפאלי און אונזערע שותפים ביי די סטעיט פענסיע קאסע."

**Bishop Sheen Ecumenical Housing Foundation, Inc.'s באורד פארזיצער קעווין לאָסיסעראָו האט געזאגט**, "עס איז אן עהרע פאר Sheen Housing צו זיין אין אנגייענדע שותפות מיט Rochester's Cornerstone Group צו ברענגען זיכערע האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן פאר אונזער קאמיוניטי. אונזער טיפע איבערגעגעבנקייט און אינוועסטירונג אינעם פארברייטערן האוזינג אפציעס האט זיך קיינמאל נישט קלארער ארויסגעוויזן ווי דא ביי Hubbard Springs, וואו איינוואוינער האבן צוטריט צו הויכע-קוואליטעט, סטאבילע האוזינג."

**Rochester's Cornerstone Group פרעזידענט ראדזשער וו. בראנדט, דזשוניאר, האט געזאגט,** "Rochester's Cornerstone Group איז שטאלץ צו האבן דעוועלאפט – צוזאמען מיט אונזערע קא-דעוועלאפערס פון Sheen Housing – Hubbard Springs Apartments אין טשילי טאון. די טאון איז געווען די פלאץ פון מערערע Cornerstone דעוועלאפמענטס אין לויף פון די יארן, און Hubbard Springs וועט צולייגן צו טשילי'ס פארשידנארטיגע האוזינג אפציעס. Cornerstone איז באגייסטערט צו פייערן מיט אונזערע שותפים און פינאנצירער וועלכע האבן געהאלפן פארענדיגן די דעוועלאפמענט."

**מענעדזשינג דירעקטאר פון Community Development Banking, Chase, דעיוויד וואלש, האט געזאגט,** "עס באגייסטערט אונז צו זעהן די Hubbard Springs Apartments זיך עפענענדיג צו ברענגען פאר טשילי איינוואוינער זיכערע, סטאבילע האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן. מיר זענען שטאלץ צו האבן געארבעט מיט לאקאלע פירער ווי Rochester's Cornerstone Group און Bishop Sheen Ecumenical Housing Foundation, Inc., וועלכע זענען איבערגעגעבן צו קאמיוניטי אנטוויקלונג און בויען האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן אין געגנטער וואו עס נויטיגט זיך."

**פארשנעלערן 'פינגער לעיקס פאראויס'**

דער היינטיגער אנאנסמענט דערגאנצעט ״פינגער לעיקס פאָרווערד״, דער ראיאן׳ס אויספירליכע בלופרינט צו שאפן שטארקע עקאנאמיע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש אויסגעלייגטער פלאן קאנצענטרירט זיך אויף אינוועסטירן אין הויפט אינדוסטריעס אריינגערעכנט פאטאניקס, אגריקולטור, און עסנווארג פראדוקציע, און פארגעשריטענע פאבריצירונג. איצט טוהט דער ראיאן פארשנעלערן דער ״פינגער לעיקס פאָרווערד״ מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג דורך די אָפּסטעיט ווידער־אויפלעבונג אינציאטיוו. דער סטעיט׳ס 500 מיליאן דאלער אינוועסטירונג וועט אינצענטיווייזירן פריוואטע ביזנעסער אויף צו אינוועסטירן פיל מער פון 2.5 ביליאן דאלער, און דער ראיאן׳ס פלאן, ווי איינגעגעבן, פארזעהט ביז 8,200 נייע צוגעקומענע דזשאבס. מער אינפארמאציע איז דא צו באקומען דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן